LIVING TORAH

# פרשת תצוה

**בס"ד. משיחת וא"ו תשרי ה'תשד"מ.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דאָס איז די שייכות מיוחדת און הדגשה מיוחדת צו שנה זו, וואָס דאָס איז שנת העיבור.

וואָס איז דער ענין פון ענין העיבור?

אַזוי ווי ס'איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן מהלך החמה און מהלך הלבנה, די תקופות שבשנה, "חודש האביב" און "זמן האסיף" הענגט דאָס אָפּ אָן מהלך החמה, "ישראל מונין ללבנה", ציילן זיי די חדשים – חדשי הלבנה, במילא אויך די זמנים הקבועים בחדשים – אויך לויט דער לבנה לכאורה,

בשעת ס'קלייבט זיך אָן אַן אונטערשייד צווישן מהלך החמה און מהלך הלבנה אַן ערך אַ חודש – אָט דעמאָלט איז מען מעבר, מ'איז מוסיף נאָך אַ חודש של לבנה אין שנת הלבנה, האָט זי דרייצן חדשים, און דורך דערויף ווערט אויסגעגלייכט דער מהלך החמה און מהלך הלבנה, קומט אויס פסח ב"חודש האביב" און סוכות אין "זמן האסיף" וכו'.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן חמה און לבנה –

אין דעם "להאיר על הארץ" איז דאָ צוויי אופנים: דער אופן ווי דאָס ווערט געטאָן על ידי החמה, וואָס ס'איז ניטאָ קיין שינויים: די זעלבע חמה ווי זי איז מאיר ביום ראשון בשבוע וביום ראשון בחודש – איז זי מאיר אין דעם זעלבן אופן ביום שביעי בשבת וביום חמשה עשר בחודש.

אַז ס'קומט צו דער לבנה – איז פּונקט דער היפך: ס'איז ניטאָ קיין צוויי טעג אין חודש, וואָס דער "להאיר על הארץ" פון דער לבנה איז דער זעלבער. ס'איז אַ שינוי מיום שלפניו, אַ שינוי ליום שלאחריו.

וכאמור, "את העולם נתן בלבם" – דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין חיי האדם, אַז אויך אין חיי האדם איז דאָ דיביידע ענינים:

ס'איז דאָ דער ענין וואָס ער דאַרף האָבן אין זיך אַן ענין וואָס שטייט **אָן קיינע שינויים**, און דוקא דעמאָלט קען ער האָבן אויך חיות אין די ענינים וואָס זיינען דערנאָך משתנה – דער אור החמה וואָס זי באַלייכט די לבנה.

דערנאָך איז דאָ אַ צווייטער ענין, וואָס ס'דאַרף זיין **דוקא בשינויים**, וואָרום ער דאַרף מחדש זיין. און ווי מ'זעט אַ שינוי אין שכל, אפילו אין שכל התורה: אויף אויפצובויען **אַ נייעם** שכל אין תורה, לאחרי ווי ער האָט די סברא ראשונה, דורך וואָס בויט ער דאָס אויף" – בשעת ער פרעגט אַ קשיא, "ורמינהו", אויף דער פריערדיקער סברא, ביז וואַנענט אַז די סברא ווערט נתבטל – אָט דעמאָלט בויט ער אויף אַ שכל שני ונעלה יותר.

אַ שכל וואָס איז בערך קען ער בויען אַ שלב על גבי שלב; ס'דאַרף זיין "**לאפשא לה**", ער וויל אויפבויען אַ נייעם, העכערן שכל – דאַרף דאָס זיין על ידי קושיא פון דעם פריערדיקן שכל. ווי מ'זעט דאָס בפשטות. "אלא אמר רב", צי "אמר תנא": דורך דערויף וואָס ס'איז "אלא", וואָס דער לשון "אלא" באַווייזט דאָך, אַז דאָס איז די סתירה פון דער סברא הקודמת.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצוה

וואָס אין דערויף איז אָבער אויך, כאמור: אָט דאָס וואָס ער בויט-אויף אַ נייעם שכל מיט אַ נייע סברא, און ס׳דאַרף זיין **דוקא** אַ נייער, און דעמאָלט איז ער אַ חכם הראוי לשמו, על אחת כמה וכמה ״**קנה** חכמה״ – איז דאָס ווען ער בויט דאָס אויף פעסטע כללים.

בשעת די כללים זיינען פעסטע בלי ישונה, אָדער ווי דער רמב״ם רופט דאָס אָן און ספרי חקירה רופן דאָס אָן פון חוקרי ישראל בשם ״מושכל ראשון״ וכיוצא בזה – אָט דעמאָלט, על יסוד פון דעם ״מושכל ראשון״ קען דערנאָך אויפבויען, על ידי קשיא ורמינהו וסתירות מיני׳ ובי׳ אָדער ממקום אחר וואָס ער געפינט אין אַ סברא מסויימת – איז ער דאָס סותר, ״עוקר הרים״, ביז וואַנענט ״טוחנן זה בזה בסברא״, אַז זיי ווערן צוריבן, אויס מציאות פון אַ הר – און אָט דעמאָלט קלייבט ער צוזאַמען דעם חול און בויט-אויף אַ **נייעם הר**.

במה דברים אמורים? – ווען דאָס ווערט באַלויכטן און דאָס איז מיוסד אויף די יסודות וואָס זיי זיינען דער ״מושכל ראשון״ בלשון הידוע,

ובפרט בנוגע צו די חכמה האמיתית, חכמת התורה, איז אָט דאָ די ענינים אין תורה וואָס דער דין איז, אַז ״לא תהי׳ מוחלפת״, אין די ״לא תהי׳ מוחלפת׳ן״ זיינען אויך געגעבן געוואָרן כללים בנוגע ווי אַזוי ס׳זאָל זיין דער ״לאפשא לה״, אויף מוסיף זיין,

איז כאמור, אַז מ׳זאָגט אים, אַז אין דעם יאָר שטייט נאָכמער בגלוי, אַז אף על פי וואָס לבנה און שמש איז פאַרבונדן מיט צוויי באַזונדערע, הפכיות׳דיקע תכונות, און ער האָט אַ חוש אין איינע פון זיי –

זאָגט מען: ניין! וויבאַלד ״נבראתי לשמש את קוני״ און ״את העולם נתן בלבם״ – דאַרפסטו קאָכן זיך אין דעם און האָרעווען אין דעם, סיי אין די ענינים וואָס ״לא תהי׳ מוחלפת״, סיי אין די ענינים פון ״לאפשא לה״.

איי ער טענה׳ט, אַז זיין תכונת הנפש איז, אויף אויפטאָן **חידושים**, אָדער זיין תכונת הנפש איז: ער האָט אַן אויסגעצייכנטן אַן אויסערגעוויינליכן זכרון, וויל ער אים אויסנוצן ער זאָל זיין ״שאינו מאבד טיפה״ –

זאָגט מען אים: דאָס איז אַלץ דיין **טבע**. דו ביסט באַשאַפן געוואָרן ״לשמש את **קונו**״ – דאַרפסטו טאָן איןביידע זאַכן מיט אַ שטורעם און מיט אַ קאָך, ביז צו מסירת-נפש!

טענה׳ט ער: ס׳איז אַ דבר והיפוכו.

זאָגט מען אים: נו, איז וואָס?! אַזוי ווי ביסט אַ איד – מאָנט מען ביי דיר אַ דבר והיפוכו.

און אין ביידע ענינים דאַרף ער דאָס טאָן כדי לשמש את קונו. און וויבאַלד ער טוט דאָס ״לשמש את קונו״ – איז דאָך פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז ער טוט דאָס מיט **מסירת-נפש**, וואָרום דאָס רעדט זיך וועגן ״קונו״, און ער האָט דעם זכות מיט דעם נתינת כח מיט דער בקשה ער זאָל ***משמש*** זיין דעם קונו.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.